בס"ד
במדבר תשפ"ג
גליון 141

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהרה"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### אַ גוּט שַׁבָּת פַאר אַלֶע אִידְן

מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין עֶטְלִיכֶע טֶעג פַאר דֶעם גְרוֹיסְן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, וֶוען אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן מִיט אַ חִיוּת אוּן אַ שִׂמְחָה, "נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמָע", מִיר נֶעמֶען אָן דִי תּוֹרָה. נָאכְדֶעם וָואס דִי גַאנְצֶע וֶועלְט הָאט אוֹיסְגֶעוַוארְט עֶטְלִיכֶע טוֹיזְנְט יָאר, צוּ זֶען אוֹיב דִי אִידְן וֶועלְן נֶעמֶען דִי תּוֹרָה צִי נִישְׁט - אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט בַּיי קִדּוּשׁ: יוֹם 'הַשִּׁשִּׁי', לְכָאוֹרָה, וָואס אִיז דָאס דִי 'ה' פוּן הַשִּׁשִּׁי, בַּיי דִי אַנְדֶערֶע טֶעג פוּן בְּרִיאַת הָעוֹלָם שְׁטֵייט, יוֹם אֶחָד, שֵׁנִי, שְׁלִישִׁי, פַארְוָואס בַּיי פְרַייטָאג שְׁטֵייט הַשִּׁשִּׁי? נָאר חֲזַ"ל זָאגְן אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט הָאט גֶעוַוארְט אוֹיף דֶעם טָאג, ו' סִיוָן - צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה, אַז דִי אִידְן זָאלְן נֶעמֶען דִי תּוֹרָה, וֶועט דִי וֶועלְט קֶענֶען הָאבְּן אַ קִיוּם. אוּן וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמָע, אִיז דִי וֶועלְט בַּאפֶעסְטִיגְט גֶעוָוארְן אוֹיף אֵייבִּיג.



עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דִי תּוֹרָה אִיז אַן אֵייבִּיגֶע זַאךְ, דִי מִצְוָה אוּן מוֹעֲדִים זֶענֶען נִצְחִיוּת, וִוי מִיר זָאגְן בַּיי סְפִירָה, וְהִקְרַבְתֶּם מִנְחָה חֲדָשָׁה, יֶעדֶעס יָאר אִיז אַ נַייעֶ מִנְחָה, אַ נַייעֶ דֶערְהֶער, צוּ בַּאקוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

וָואס זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיבֶּער דֶער עִנְיָן פוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה מִיט אַ שִׂמְחָה אוּן הִתְלַהֲבוּת? עֶס אִיז דָא אַ תּוֹרָה וָואס רוּפְט זִיךְ: 'רוֹמָה עַל הַשָּׁמַיִם' (תורה ע"ד). אוֹיף דִי תּוֹרָה שְׁרַייבְּט ר' נָתָן אַז עֶר הָאט עֶס נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן נָאר פוּן דִי חֲבֵרִים. דִי תּוֹרָה הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט נָאךְ פַאר עֶר אִיז גֶעפָארְן קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז יֶעדֶער אִיד דַארְף אוֹיסְהֵיילְן זַיין נֶפֶשׁ. וִויאַזוֹי הֵיילְט מֶען דִי נֶפֶשׁ? זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז וֶוען אַ אִיד - אַ אִינְגֶל, פְּלָאגְט זִיךְ אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין, הֵיילְט עֶר אוֹיס זַיין נֶפֶשׁ. דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט פוּן זֹהַר, פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, אַז עֶס זֶענֶען פַארְהַאן צְווֵיי סָארְטְן לֶערְנֶען, ס'אִיז דָא אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה אוּן אִיז מְגַמְגֵּם עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט, אִיז עֶס אוֹיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן יֶעדֶעס וָוארְט תּוֹרָה גֵייט אַרוֹיף צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן עֶר פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דֶעם. פוּן יֶעדֶע וָוארְט וֶוערְט שֵׁיינֶע טַייכְן אוּן שֵׁיינֶע בֵּיימֶער וָואס וֶוערְן גֶערוּפְן עַרְבֵי נָחַל – אַזוֹי וִוי דִי עֲרָבוֹת וָואס זֶענֶען אוֹיס וִוי דִי לִיפְּן, דֶערְפַאר פָּארֶעט מֶען זִיךְ הוֹשַׁעְנָא-רַבָּא מִיט דִי עֲרָבוֹת צוּ מְרַמֵּז זַיין אוֹיף דִי אַלֶע אִידְן וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אַ גַאנְצֶע יָאר תּוֹרָה מִיט דִי מוֹיל וֶוערְט פוּן דֶעם דֶער יוֹם טוֹב הוֹשַׁעְנָא-רַבָּא.

דִי צְווֵייטֶע סָארְט לֶערְנֶען וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'שִׂמְחַת תּוֹרָה' – לֶערְנֶען מִיט פַארְשְׁטַאנְד, דָאס גִיבְּט חִיוּת פַארְן נֶפֶשׁ. אַ אִיד וָואס פְּלָאגְט זִיךְ אוּן הָארֶעוֶועט בִּיז עֶר פַארְשְׁטֵייט וָואס עֶר לֶערְנְט זַיין נֶפֶשׁ וֶוערְט אוֹיסְגֶעהֵיילְט אוּן אִיז מַמְתִּיק אַלֶע דִינִים אוּן מִיט

המשך קומענדיגע זייט

המשך פון זייט 1

דֶעם פְּלַאנְצְט עֶר אַיין אוֹיבְן בֵּיימֶער פוּן 'לֶעבְּן' וָואס בְּרֶענְגְט אַלֶע רְפוּאוֹת אוּן אַזוֹי אִיז עֶר מְקַיֵּים אַלֶע וֶועלְטְן אוּן אִיז מְגַלֶּה דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס כָּבוֹד אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקָר תַּכְלִית צוּ אַנְטְפְּלֶעקְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער כָּבוֹד אוֹיף דֶער וֶועלְט.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז יֶעדֶער אִיד קֶען הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דִי תּוֹרָה, סַיי אַ אִינְגְל וָואס פְּלָאגְט זִיךְ, עֶר נֶעמְט אַ מִשְׁנָיוֹת, אַ שְׁטִיקְל גְמָרָא אִין בָּבָא קַמָּא אִין קִדּוּשִׁין אָדֶער בְּרָכוֹת, אַ שְׁטִיקְל מִדְרָשׁ, אַ חֲסִידִ'ישׁ סֵפֶר, סִפְרֵי רַבֵּינוּ, עֶר פְּרוּבִּירְט זִיךְ צוּ בְּרֶעכְן דֶעם קָאפּ וָואס דָארְט שְׁטֵייט. וָואס זָאגְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן וָואס זָאגְט רֶבִּי יְהוּדָה וָואס אִיז דֶער חִילוּק צְווִישְׁן זֵיי, וָואס אִיז דֶער טַעַם? וָואס אִיז דִי סְבָרָא? פַארְוָואס הַאלְט נִישְׁט אֵיינֶער וִוי דֶעם צְוֵוייטְן? אַזוֹי קוֹיפְט עֶר אַיין דִי גְמָרָא מִיט יְגִיעוֹת, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר נֶעצְט אַדוּרְךְ זַיין סִדּוּר מִיט טְרֶערְן בַּיי אַהֲבַת עוֹלָם בֶּעטְנְדִיג פוּן בַּאשֶׁעפֶער זָאל אִים קְלָאר מַאכְן זַיין מֹחַ.

טָאמֶער חָלִילָה אִיז פַארְהַאן אַ אִינְגְל וָואס הָאט נִישְׁט בַּאקוּמֶען דִי בֶּעסְטֶע כִּשְׁרוֹנוֹת אָדֶער אִיז עֶר יֶעצְט אָפְּגֶעשְׁוַואכְט אוּן קֶען נִישְׁט יֶעצְט אַרַיינְלֵייגְן זַיין מֹחַ צוּ טִיף אִין לֶערְנֶען אִין אַ סֻגְיָא אָדֶער אַ שְׁוֶוערֶע הֲלָכָה, אִיז דָא אַן עֵצָה פַאר אִים, עֶר קֶען זָאגְן דִי ווֶערְטֶער. אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דָא אַ שִׂיחָה פוּן רֶבִּי'ן, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז גֶעזוּנְט דַארְף מֶען שֶׁערְן אַייזְן, [אַמָאלִיגֶע צַייטְן אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען דִי עֶלֶעקְטְרָאנִישֶׁע כֵּלִים צוּ קֶענֶען שְׁנֵיידְן אַייזְן, זֶענֶען גֶעוֶוען שְׁטַארְקֶע מֶענְטְשְׁן – גִּבּוֹרִים וָואס הָאבְּן גֶעהַאט שְׁטַארְקֶע שֶׁערְלֶעך מִיט דֶעם הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁנִיטְן שְׁטִיקֶער אַייזְן] אָבֶּער טָאמֶער אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁוַואךְ עֶר קֶען נִישְׁט יֶעצְט שֶׁערְן אַייזְן, דַארְף עֶר אַוֶועקְלֵייגְן דִי שֶׁערְלֶעך.

אֵיינֶע פוּן דִי נֶעמֶען פוּן דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז 'בַּרְזֶל', קוּמְט אוֹיס אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט יֶעצְט שְׁנֵיידְן דֶעם יֵצֶר הָרָע דַארְף עֶר טוּן וָואס עֶר קֶען יָא, עֶפֶּענֶען אַ גְמָרָא, אַ סֵפֶר הֲלָכָה אָדֶער מִדְרָשׁ אוּן פְּרוּבִּירְן וָואס עֶר קֶען, זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אוּן צוּלֵייגְן זַיין מֹחַ, אָדֶער זָאגְן תְּהִלִּים, לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת א.א.וו. אוּן דֶער עִיקָר אִיז טַאקֶע וִוי פְּרִיעֶרדֶערְמַאנְט בֶּעטְן בַּיי 'וְהָאֵר עֵינֵינוּ בְּתוֹרָתֶיךָ' אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל עֶפֶענֶען מַיין קָאפּ, וִוי עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז אַסַאךְ גְּדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל זֶענֶען אַלְס קִינְד גֶעוֶוען שְׁוַואכֶע קֶעפּ אוּן מִיט אַסַאךְ תְּפִלָּה אוּן רָצוֹן הָאבְּן זֵיי זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ גֶעוֶוען אוּן זֶענֶען גֶעשְׁטִיגְן זֵייעֶר הוֹיךְ.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אִין זְכוּת פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס אִיז אוּנְזֶער לֶעבְּן וִוי מֶען זָאגְט בַּיים דַאוֶוענֶען, כִּי הֵם חַיֵּינוּ וְאֹרֶךְ יָמֵינוּ, אוּן מֶען פִּירְט אוֹיס, וְאַהֲבָתְךָ, בַּאשֶׁעפֶער טוּ נִישְׁט אָפּ דַיין לִיבְּשַׁאפְט וָואס דוּ הָאסְט צוּ אוּנְז אוּן מִיר זָאלְן דִיר לִיבְּן הָאבְּן מִיט דַיין תּוֹרָה.

שָׁבוּעוֹת גֵייט מֶען זָאגְן דִי אַקְדָמוּת וָואס וֶוערְט דֶערְמַאנְט דָארְט וואוּנְדֶערְלִיכֶע דִיבּוּרִים וֶועגְן דִי לוֹיבּ פוּן אִידְן אוּן דִי מִצְוֹת. אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיינְמָאל בַּיים רֶבִּי'ן שָׁבוּעוֹת נָאכְן דַאוֶוענֶען וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֶערְט וִוי פוּן דִי אַנְדֶערֶע שׁוּלְן זָאגְט מֶען אַקְדָמוּת, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "וָואס אִידְן פַארְמָאגְן, אַקְדָמוּת מִיט דֶעם נִיגוּן", אַזַא שֵׁיינֶער נִיגוּן, אַז מֶען וֶועט לֶערְנֶען דֶעם נִיגוּן מִיט דִי טַייטְשׁ וֶועלְן מִיר בַּאקוּמֶען אַ חֵשֶׁק צוּ טוּן דִי מִצְוֹת אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ צוּ זַיין אַ אִיד אוּן זוֹכֶה זַיין בְּקָרוֹב מַמָּשׁ צוּ דִי גְאוּלָה שְׁלֵמָה בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן



# איין מעשה'לע



*דער באשעפער באווייזט וואונדער*
*פאר זיינע ליבע קינדער*

## שֶׁמֶן שָׂשׂוֹן מֵחֲבֵרֶיךָ...

אוּנְז זֶענֶען גֶעפָארְן קַיין מִירוֹן צוּם הִלוּלָא פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן, אָבֶער מֶען הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט אוּנְזֶער בָּאס פָארְן צוּם צִיּוּן מֶען הָאט אוּנְז אָפְּגֶעהַאלְטְן ווייל אוּנְזֶער בָּאס הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין עֶרְלוֹיבֶּענִישׁ צוּ פָארְן בִּיז מִירוֹן.

זֶענֶען דִי מֶענְטְשְׁן פוּן בָּאס אַרָאפּ אוּן זִיךְ גֶענוּמֶען טַאנְצְן אוּן אִינְמִיטְן טַאנְצְן הָאבְּן אוּנְז בַּאקוּמֶען אַן עֶרְלוֹיבֶּענִישׁ [אִשּׁוּר] בִּזְכוּת דִי שִׂמְחָה אוּן רִקּוּדִין וָואס מִיר הָאבְּן גֶעהַאט.

**חַיִּים אֶלְעָזָר**

אֵיין יָאר, אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזֶעצְן בַּיי דֶער יוֹם טוֹב סְעוּדָה שָׁבוּעוֹת, דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג נָאךְ מִנְחָה אוּן גֶעזָאגְט תּוֹרָה וֶוען דִי זוּן הָאט נָאךְ דַאן גֶעשַׁיינְט. דֶער רֶבִּי'ס תּוֹרָה הָאט זִיךְ אַזוֹי פַארְצוֹיגְן אַז עֶס אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַז דֶער רֶבִּי מִיט זַיינֶע חֲסִידִים הָאבְּן גֶעדַאוְונְט מַעֲרִיב אִינְמִיטְן סְעוּדַת יוֹם טוֹב, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי וַוייטֶער גֶעזָאגְט זַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, בִּיז וֶוען דִי זוּן הָאט נָאכְאַמָאל אוֹיפְגֶעשַׁיינְט צוּם צְוֵוייטְן טָאג יוֹם טוֹב.

דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ דַאן אָנְגֶערוּפְן: "דִי זוּן קֶען זִיךְ פַארְ'חִידוּשְׁ'ן אוּן זָאגְן; אֵיידֶער אִיךְ בִּין אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען הָאבּ אִיךְ אַייךְ גֶעטְרָאפְן, אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּרִיק הָאבּ אִיךְ אַייךְ וַוייטֶער גֶעטְרָאפְן".

אַזוֹי לַאנְג הָאט גֶענוּמֶען דִי תּוֹרָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעלֶערְנְט אוּן קֵיינֶער אִיז אֲפִילוּ נִישְׁט מִיד גֶעוָוארְן ווייל עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי זִיס אוּן גֶעשְׁמַאק צוּ הֶערְן אוּן קוּקְן אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, נָא, מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן דֶעם אַז וֶוען אוּנְז קִינְדֶער גֵייעֶן בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם אוֹיפְזַיין אַ גַאנְצֶע נַאכְט שָׁבוּעוֹת, וֶועלְן מִיר לֶערְנֶען גֶעשְׁמַאק אוּן זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת אוּן נָאכְדֶעם דַאוְונֶען גֶעשְׁמַאק אוּן זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן נִישְׁט צוּ פַארְשְׁלָאפְן אַזַא גֶעהוֹיבֶּענֶער נַאכְט.



# ~ דִי דְרַייצְנְטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט
## 7 דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס




**דֶעם זֶעקְסְטִין טָאג זֶענֶען זֵיי אוֹיךְ פְּרֵילִיךְ גִיוֶוען.** אוּן זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ גִיבֶּענְקְט. ווִי נֶעמְט מֶען דָא דֶעם דָאזִיגְן וָואס אָן הֶענְט.

**דֶערְוַוייל קוּמְט עֶר אַרַיין.** אוּן זָאגְט אִיךְ בִּין דָא. אִיךְ בִּין גִיקוּמֶען צוּ אַייךְ אוֹיף דֶער חַתוּנָה אוּן הָאט זֵיי אוֹיךְ אַזוֹי גִיזָאגְט אַזוֹי ווִי יֶענֶע. אוּן אִיז זֵיי אַרוּם גִיפַאלְן אוּן הָאט זֵיי גִיקוּשְׁט.

**אוּן הָאט צוּ זֵיי גִיזָאגְט.** אִיר מֵיינְט אִיךְ בִּין אַ קַאלִיקֶע אוֹיף דִי הֶענְט. אִיךְ בִּין גָאר קֵיין קַאלִיקֶע נִיט אוֹיף דִי הֶענְט. אִיךְ הָאבּ יוֹא כֹּחַ אִין דִי הֶענְט. נָאר אִיךְ נוּץ נִיט מִיט דֶעם כֹּחַ פוּן מַיינֶע הֶענְט אִין דֶער ווֶועלְט. ווָארִין **אִיךְ בַּאדַארְף דֶעם כֹּחַ אוֹיף עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ** אוּן אִיךְ הָאבּ דְרוֹיף אַ הַסְכָּמָה פוּן דֶעם ווַאסִירִיקְן שְׁלָאס.

**ווָארִין אַמָאל זֶענֶען מִיר גִיזֶעסִין** אִין אֵיינֶעם עֶטְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן. הָאט זִיךְ אִיטְלִיכֶער בַּרִימְט מִיט זַיין כֹּחַ וָואס עֶר הָאט אִין דִי הֶענְט. דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט. עֶר הָאט אַזוֹי אַ גְבוּרָה אִין דִי הֶענְט. אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט עֶר הָאט אַזוֹי אַ גְבוּרָה אִין דִי הֶענְט. אוּן אַזוֹי אִיטְלִיכֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט מִיט זַיין גְבוּרָה וָואס עֶר הָאט אִין דִי הֶענְט.

(דְהַיינוּ) **אֵיינֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט.** עֶר הָאט אַזוֹי אַ כֹּחַ אוּן אַ גְבוּרָה אִין דִי הֶענְט. אַז עֶר שִׁיסְט אוֹיס אַ פַייל. קָאן עֶר זִי ווִידֶער קְרִיק צִיהֶען. ווָארִין עֶר הָאט אַזוֹי אַ כֹּחַ אִין זַיינֶע הֶענְט אַז חָאטְשֶׁע עֶר הָאט שׁוֹין אוֹיס גִישָׁאסִין דִי פַייל. קָאן עֶר זִי פָּארְט נָאךְ אוּמְקֶערְן. עֶר קָאן דִי פַייל צוּרִיק צִיהֶען ווִידֶער צוּ זִיךְ.

**הָאבּ אִיךְ אִים גִיפְרֶעגְט** (דְהַיינוּ דֶער וָואס אָן הֶענְט. וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס) ווָאס פַאר אַ פַייל. קָאנְסְטוּ צוּרִיק צִיהֶען.

**ווָארִין סֶע אִיז זִיךְ פַארְהַאנְדִין צֶעהְן אִירְלֵיי פַייְלִין.** ווָארִין סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין צֶעהְן אִירְלֵיי סַמִין. ווָארִין אַז מֶע ווִיל שִׁיסִין אַ פַייל. בַּאשְׁמִירְט מֶען זִי מִיט אַ סַם. אִיז פַארְהַאנְדִין צֶעהְן אִירְלֵיי סַמִין. ווָאס אַז מֶען בַּאשְׁמִירְט. דִי פַייל מִיט דֶעם סַם. אִיז דִי פַייל אַזוֹי מַזִיק. אוּן אַז מֶע בַּאשְׁמִירְט דִי פַייל מִיט אֵיין אַנְדֶער סַם אִיז זִי מֶער מַזִיק.

**אוּן אַזוֹי אִיז פַארְהַאנְדִין צֶעהְן אִירְלֵיי סַמִין.** ווָאס אִיטְלִיכֶער סַם אִיז אַרְגֶער. דְהַיינוּ עֶר אִיז מֶער מַזִיק. הָאט עֶר אִים גִיפְרֶעגְט ווָאס פַאר אַ מִין פַייְלִין קָאנְסְטוּ צוּרִיק צִיהֶען. ווִידֶער הָאט עֶר אִים גִיפְרֶעגְט צוּ אֵייְדֶער דִי פַייל הָאט יֶענֶעם גִיטְרָאפִין קָאן עֶר זִי קְרִיק צִיהֶען. צוּ אַפִילוּ נָאךְ דֶעם אַז דִי פַייל הָאט שׁוֹין יֶענֶעם גִיטְרָאפִין. קָאן עֶר זִי אוֹיךְ צוּרִיק צִיהֶען.

**אוּן דְרוֹיף הָאט יֶענֶער גִיעֶנְפֶערְט.** אַז אַפִילוּ דִי פַייל טְרֶעפְט שׁוֹין יֶענֶעם. קָאן אִיךְ זִי אוֹיךְ צוּרִיק צִיהֶען. לוּשְׁמִיר אַ ווָאסִיר אַ מִין פַייְלִין קָאנְסְטוּ צוּרִיק צִיהֶען. **הָאט עֶר גִיעֶנְפֶערְט.** הָאט דָאס אוּן דָאס מִין קָאן אִיךְ צוּרִיק צִיהֶען.

**הָאבּ אִיךְ מִיר אָנְגִירוּפְן** (דְהַיינוּ דֶער וָואס אָן הֶענְט וָואס דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ) צוּ אִים. קָאנְסְטוּ נִיט הֵיילִין דִי בַּת מַלְכָּה. אַז דוּ קָאנְסְט מֶער נִיט קְרִיק צִיהֶען נָאר אֵיין אִירְלֵיי פַייְלִין. קָאנְסְטוּ נִיט הֵיילִין דִי בַּת מַלְכָּה.

**אֵיינֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט.** עֶר הָאט אַזוֹי אַ כֹּחַ אִין דִי הֶענְט אַז בַּיי ווֶועמֶען עֶר נֶעמְט גִיט עֶר (כְּלוֹמֶר מִיט דֶעם וָואס עֶר נֶעמְט בַּיי אֵיינֶעם עֶפֶּעס דֶערְמִיט אַלֵיין גִיט עֶר יֶענֶעם) מֵיילֶא אִיז עֶר אַ בַּעַל צְדָקָה.

**הָאבּ אִיךְ אִים גִיפְרֶעגְט** ווָאס פַאר אַ צְדָקָה גִיסְטוּ. הָאט עֶר גִיעֶנְפֶערְט. עֶר גִיט מַעֲשֶׂר. הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגִירוּפְן. אַז סֶע אִיז אַזוֹי. קָאנְסְטוּ נִיט הֵיילִין דִי בַּת מַלְכָּה. ווָארִין דִי קָאנְסְט גָאר צוּ אִיר אָרְט נִיט קוּמֶען. (ווַייל דוּ גִיסְט נָאר מַעֲשֵׂר) ווָארִין דוּ קָאנְסְט מֶער נִיט אַרַיין גֵיין נָאר אִין אֵיין מוֹיעֶר (דָארְט ווִי דִי בַּת מַלְכָּה זִיצְט) אִיבֶּער דֶעם קָאנְסְטוּ צוּ אִיר נִיט קוּמֶען.

**אֵיינֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט.** עֶר הָאט אַזוֹי אַ כֹּחַ אִין דִי הֶענְט. ווָארִין סֶע פַארְהַאנְדִין מְמוּנִים אוֹיף דֶער ווֶועלְט.

(דְהַיְינוּ מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי זֶענֶען עֶלְצְטֶע וָואס זֵיי הָאבְּן צוּ שַׁאפְן אִיבֶּער אַ שְׁטָאט אָדֶער אִיבֶּער אַ מְדִינָה וְכוּ׳) בַּאדַארְף אִיטְלִיכֶער חָכְמָה. הָאבּ אִיךְ אַזוֹי אַ כֹּחַ אִין דִי הֶענְט. אַז מִיט מַיְינֶע הֶענְט קָאן אִיךְ אִים גִיבְּן חָכְמָה. מִיט דֶעם וָואס אִיךְ לֶעהן אִים אָן מִיט מַיְינֶע הֶענְט.

**הָאבּ אִיךְ אִים גִיפְרֶעגְט** וָואס אַ חָכְמָה קָאנְסְטוּ גִיבְּן מִיט דַיְינֶע הֶענְט. סֶע אִיז זִיךְ פַּארְהַאנְדְן עַשָׂרָה קַבִּין חָכְמָה (כְּלוֹמַר צֶעהְן אִירְלֵיי חָכְמוֹת) **הָאט עֶר גִיעֶנְפֶערְט.** דִי אוּן דִי חָכְמָה קָאן עֶר גִיבְּן

**הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגִירוּפְן** צוּ אִים. קָאנְסְטוּ נִיט הֵיילְן דִי בַּת מַלְכָּה. וָוארִין דוּ קָאנְסְט גָאר אִיר דֶפֶּק נִיט וִויסְן וָוארִין סֶע אִיז פַּארְהַאנְדְן צֶעהְן אִירְלֵיי דְפֵייקְן. אוּן דוּ קָאנְסְט נִיט וִויסְן נָאר אֵיין דֶפֶק וַוייל דוּ קָאנְסְט נָאר אֵיין חָכְמָה גִיבְּן מִיט דַיְינֶע הֶענְט.

**אֵיינֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט.** עֶר הָאט אַזוֹי אַ כֹּחַ אִין דִי הֶענְט. אַז סֶע אִיז פַּארְהַאנְדְן אַ רוּחַ סְעָרָה (דְהַיְינוּ אַ שְׁטוּרִים וִוינְט) קָאן עֶר דֶעם שְׁטוּרִים וִוינְט פַּארְהַאלְטְן מִיט דִי הֶענְט. עֶר קָאן אָנְחַאפְּן מִיט דִי הֶענְט דֶעם שְׁטוּרִים וִוינְט אוּן זָאל אִים פַּארְהַאלְטְן. אוּן קָאן ווִידֶער מִיט דִי הֶענְט מאכִין דֶעם וִוינְט מִיט אַ מָאס. אַז סֶע זָאל זַיין אַזוֹי אַ וִוינְט וִוי מֶע בְּדַארְף. אִין דֶער מָאס.

**הָאבּ אִיךְ אִים גִיפְרֶעגְט** וָואס פַּאר אַ וִוינְט קָאנְסְטוּ אָנְחַאפְּן מִיט דִי הֶענְט סֶע אִיז זִיךְ פַּארְהַאנְדְן צֶעהְן אִירְלֵיי וִוינְטְן. הָאט עֶר גִיעֶנְפֶערְט. דֶעם אוּן דֶעם וִוינְט.

**הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגִירוּפְן.** קָאנְסְטוּ נִיט הֵיילְן דִי בַּת מַלְכָּה. וָוארִין דוּ קָאנְסְט גָאר דֶעם נִיגוּן פַּאר אִיר נִיט שְׁפִּילְן. וָוארִין סֶע אִיז פַּארְהַאנְדְן צֶעהְן אִירְלֵיי נִיגוּנִים. **אוּן אִיר רְפוּאָה פוּן דֶער בַּת מַלְכָּה. אִיז דוּרְךְ נִיגוּנִים.** אוּן דוּ קָאנְסְט מֶער נִיט שְׁפִּילְן פַּאר אִיר נָאר אֵיין נִיגוּן.

**הָאבְּין זֵיי זִיךְ אָנְגִירוּפְן וָואס קָאנְסְטוּ.** הָאט עֶר גִיעֶנְפֶערְט אִיךְ קָאן וָואס אִיר אַלֶע קָאנְט נִיט דְהַיְינוּ אַלֶע נַיין חֲלָקִים פוּן אִיטְלִיכֶער זַאךְ וָואס אִיטְלִיכֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט. וָואס אִיר קָאנְט זֵיי נִיט. קָאן אִיךְ יוֹא.

**וָוארִין סֶע אִיז פַּארְהַאנְדְן אַ מַעֲשֶׂה.** וָוארִין אַמָאל הָאט זִיךְ אַ מֶלֶךְ פַּאר קָאכְיט אִין אַ בַּת מַלְכָּה הָאט עֶר זִיךְ גִיפְּרֶעט אוּן הָאט גִיטָאן תַּחְבּוּלוֹת אַז עֶר זָאל זִי חַאפְּן. בִּיז עֶר הָאט זִי דֶערְטַאפְּט. אוּן זִי אִיז בַּיי אִים גִיוֶועןְ.

**אַמָאל הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ גִיחָלִימְט.** אַז דִי בַּת מַלְכָּה אִיז אוּיף גִישְׁטַאנֶען אוּיף אִים אוּן הָאט אִים גִיהַרְגִיט. הָאט עֶר זִיךְ אוּיף גִיחַאפְּט. אוּן דֶער חָלוֹם אִיז אִים זֵייעֶר אַרַיין אִין הַארְצִין אַרַיין. הָאט עֶר גִירוּפְן אַלֶע פּוֹתְרֵי חֲלוֹמוֹת (דְהַיְינוּ דִי וָואס קָאנֶען בַּאשֵׁיידִין דִי חֲלוֹמוֹת) הָאבְּן זֵיי אִים פּוֹתֵר גִיוֶועןְ אַזוֹי וִוי דֶער פָּשׁוּט אִיז. אַז דֶער חָלוֹם וֶועט מְקוּיָּם וֶוערִין כִּפְשׁוּטוֹ. אַז זִי וֶועט אִים הַרְגִינֶען.

**הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ קֵיין עֵצָה נִיט גִיקָאנְט גִיבִּין.** וָואס עֶר זָאל מִיט אִיר טָאן. זָאל עֶר זִי הַרְגִינֶען. טוּט אִים בַּאנְק. זָאל עֶר זִי אַוֶועק שִׁיקִין פוּן זִיךְ. דָאס פַּארְדְרִיסְט אִים זֵייעֶר. וָוארִין אֵיין אַנְדֶערֶער וֶועט זִי נֶעמֶען. אוּן דָאס פַּארְדְרִיסְט אִים זֵייעֶר וָוארִין עֶר הָאט אַזוֹי פִיל גִיהָארִיוִויט אַרוּם אִיר. אוּן הַיינְט וֶועט זִי אָנְקוּמֶען צוּ אֵיין אַנְדֶערִין.

**אוּן דֶערְצוּ.** אַז עֶר וֶועט זִי אַוֶועק לָאזִין. אוּן זִי וֶועט אָנְקוּמֶען צוּ אֵיין אַנְדֶערִין. וֶועט זִיךְ בְּוַודַאי קָאנֶען מְקוּיָּם וֶוערִין דֶער חָלוֹם. אַז זִי וֶועט אִים הַרְגִינֶען. וָוארִין זִי אִיז בַּיי אֵיין אַנְדֶערִין. זָאל עֶר זִי הַאלְטְין בַּיי זִיךְ. הָאט עֶר מוֹרָא פַּאר דֶעם חָלוֹם. טָאמֶער וֶועט זִי אִים הַרְגִינֶען.

**הָאט דֶער מֶלֶךְ נִיט גִיוואוּסְט וָואס עֶר זָאל אִיר טָאן.** דֶערְוַוייל אִיז דִי אַהֲבָה בַּיי אִים כַּלְיָא גִיוָוארִין בִּיסְלִיךְ ווייס. מַחְמַת דֶעם חָלוֹם. (דְהַיְינוּ עֶר הָאט זִי שׁוֹין נִיט אַזוֹי לִיבּ גִיהַאט וִוי פְרִיר) אוּן אַלֶע מָאל אִיז אַלְץ מֶער כַּלְיָא גִיוָוארִין דִי אַהֲבָה. אוּן אַזוֹי בַּיי אִיר אִיז אוּיךְ כַּלְיָא גִיוָוארִין דִי אַהֲבָה אַלֶע מָאל מֶער בִּיז סֶע אִיז בַּיי אִיר גִיוָוארְן אַ שִׂנְאָה אוּיף אִים. אִיז זִי אַנְטְלוֹיפִין גִיוָוארִן פוּן אִים.

**הָאט דֶער מֶלֶךְ אַרוֹיס גִישִׁיקְט מֶע זָאל זִי זוּכִין.** אִיז מֶען גִיקוּמֶען אוּן מֶע הָאט אִים גִיזָאגְט. אַז זִי דְרֵייט זִיךְ לֶעבִּין וָואסִירִיקְן שְׁלָאס.

**וָוארִין סֶע אִיז פַּארְהַאנְדִין אֵיין וַואסִירִיקֶער שְׁלָאס.** אוּן דָארְט אִיז פַּארְהַאנְדִין צֶעהְן מוֹיעֶרְין. אֵיינֶע אִין דֶער אַנְדֶערְער. אוּן דִי אַלֶע צֶעהְן מוֹיעֶרְין זֶענֶען פוּן וַואסֶער. אוּן דִי עֶרְד אִין דֶעם שְׁלָאס וָואס מֶע גֵייט אוֹיף אִיר אִיז אוֹיךְ פוּן וַואסֶער אוּן אַזוֹי דֶער גָארְטִין מִיט דִי בֵּיימֶער מִיט דִי פֵּירוֹת. אִיז אַלְץ פוּן וַואסֶער,

**אוּן דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן דֶעם שְׁלָאס** אוּן דֶער חִידוּשׁ פוּן דֶער שְׁלָאס. דָאס הָאט מֶען נִיט צוּ שְׁמוּסִין, וָוארִין סֶע אִיז בְּוַודַאי אֵיין ווִילְד חִידוּשׁ. וָוארִין דֶער גַאנְצֶער שְׁלָאס אִיז פוּן וַואסֶער. אַרַיין גֵיין אִין דֶעם שְׁלָאס קָאן מֶען בְּוַודַאי נִיט. וָוארִין מֶע וֶועט דֶערְטְרִינְקֶען וֶוערִין. וָוארִין גָאר דֶער שְׁלָאס אִיז זִיךְ פוּן וַואסֶר.

**אוּן דִי בַּת מַלְכָּה. אַז זִי אִיז אַנְטְלוֹיפִין גִיוָוארִין.** אִיז זִי אָנְגִיקוּמֶען צוּ דֶעם שְׁלָאס. אִיז זִי דָארְט אַרוּם גִיגַאנְגֶען אַרוּם דֶעם שְׁלָאס. הָאט מֶען גִיזָאגְט דֶעם מֶלֶךְ אַז זִי דְרֵייט זִיךְ דָארְט אַרוּם דֶעם וַואסִירִיקְן שְׁלָאס. אִיז דֶער מֶלֶךְ גִיגַאנְגֶען מִיט זַיין חַיִל. אַז עֶר זָאל זִי חַאפִּין.

**ווִי דִי בַּת מַלְכָּה הָאט דָאס דֶערְזֶעהְן.** (אַז דֶער מֶלֶךְ מִיט זַיין חַיִל ווִילִין זִי חַאפִּין) **הָאט זִי זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען.** זִי וֶועט אַרַיין לוֹיפִין אִין דֶעם שְׁלָאס אַרַיין. וָוארְן זִי ווִיל בֶּעסֶער דֶערְטְרוּנְקֶען וֶוערִין. אֵיידֶער דֶער מֶלֶךְ זָאל זִי חַאפִּין. אוּן זִי זָאל בַּיי אִים זַיין. אוּן טָאמֶער. וֶועט זִי פָּארְט נִיצוֹל וֶוערִין. אוּן וֶועט זִיךְ קֶענֶען אַרַיין חַאפִּין אִין דֶעם וַואסִירִיקְן שְׁלָאס.

**ווִי דֶער מֶלֶךְ הָאט דָאס דֶערְזֶעהְן.** אַז זִי לוֹיפְט אִין וַואסֶער אַרַיין. הָאט עֶר גִיזָאגְט. אַז סֶע אִיז יוֹא אַזוֹי. בְּכֵן. הָאט עֶר גִיהֵייסִין אַז מֶע זָאל זִי שִׁיסִין. וֶועט זִי שְׁטַארְבִּין. שְׁטַארְבִּין. הָאט מֶען זִי גִישָׁאסִין. אוּן מֶען הָאט אִיר גִיטְרָאפִין אַלֶע צֶעהן אִירְלֵיי פַּיילִין. וָואס זֵיי זֶענֶען בַּאשְׁמִירְט מִיט צֶעהְן אִירְלֵיי סַמִין.

**אוּן זִי דִי בַּת מַלְכָּה.** אִיז אַרַיין גִילָאפִין אִין דֶעם וַואסִירִיקְן שְׁלָאס אוּן זִי אִיז אִין אִים אַרַיין אִינְוֵוייניִק אַרַיין. אוּן זִי אִיז דוּרְךְ דָארְךְ אַלֶע טוֹיעֶרְין פוּן דִי וַואסִירִיקֶע מוֹיעֶרְין. וָוארִין סֶע אִיז דָארְטִין פַּארְהַאנְדִין טוֹיעֶרְין אִין דִי וַואסִירִיקֶע מוֹיעֶרְין אוּן זִי אִיז דוּרְךְ גִיגַאנְגֶען דָארְךְ אַלֶע טוֹיעֶרְין פוּן אַלֶע צֶעהְן מוֹיעֶרְין פוּן דֶעם וַואסִירִיקְן שְׁלָאס.

**בִּיז זִי אִיז אַרַיין אִינְוֵוייניִק** אִין דֶעם שְׁלָאס אַרַיין. אוּן זִי אִיז דָארְט אַנִידֶער גִיפַאלִין. אוּן אִיז גִיבְּלִיבְּן חַלָשׁוּת. **אוּן אִיךְ הֵייל זִי** (דְהַיְינוּ דֶער וָואס אָן הֶענְט. וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ).

**וָוארִין דֶער וָואס עֶר הָאט נִיט אִין זַיינֶע הֶענְט.** אַלֶע צֶעהְן אִירְלֵיי צְדָקוֹת. דֶער קָאן נִיט אַרַיין גֵיין אִין דִי אַלֶע צֶעהְן מוֹיעֶרְין פוּן דֶעם וַואסִירִיקְן שְׁלָאס. וָוארִין עֶר וֶועט דֶערְטְרוּנְקֶען וֶוערִין אִין וַואסֶער.

**אוּן דֶער מֶלֶךְ מִיט זַיין חַיִל.** זֵיי הָאבִּין נָאךְ גִיאָגְט דֶער בַּת מַלְכָּה. **זֶענֶען זֵיי אַלֶע דֶערְטְרוּנְקֶען גִיוָוארִין** אִין וַואסֶער.

**אוּן אִיךְ קָאן אַרַיין גֵיין** אִין אַלֶע צֶעהְן מוֹיעֶרְין פוּן דֶעם וַואסִירִיקְן שְׁלָאס.

**אוּן דִי מוֹיעֶרְין פוּן וַואסֶער** דָאס זֶענֶען דִי אִינְדִין פוּן דֶעם יַם וָואס זֵיי שְׁטֵייעֶן ווִי אַ מוֹיעֶר. אוּן דִי ווִינְטְן זֵיי שְׁטֶעלִין אוֹיף דִי אִינְדְן פוּן דֶעם יַם. אוּן זֵיי הֵייבִּין אוֹיף דִי אִינְדִין. אוּן דִי אִינְדִין וָואס דָאס זֶענֶען דִי צֶעהְן מוֹיעֶרְין. זֵיי שְׁטֵייעֶן דָארְט תָּמִיד נָאר דִי ווִינְטְן זֵיי הַאלְטִין דִי אִינְדְן אוּן הֵייבִּין דִי אִינְדִין.

**אוּן אִיךְ קָאן אַרַיין גֵיין** אִין דִי אַלֶע צֶעהְן מוֹיעֶרְין פוּן דֶעם וַואסִירִיקְן שְׁלָאס. אוּן אִיךְ קָאן אַרוֹיס צִיהְן פוּן אִיר (דְהַיְינוּ פוּן דֶער בַּת מַלְכָּה) אַלֶע צֶעהְן אִירְלֵיי פַּיילִין.

**אוּן אִיךְ ווֵייס אַלֶע צֶעהְן אִירְלֵיי דְפִיקִין.** דוּרְךְ דִי צֶעהְן פִינְגֶער וָוארִין דוּרְךְ אִיטְלִיכְן פִינְגֶער פוּן דִי צֶעהְן פִינְגֶער קָאן מֶען ווִיסִין אַ בַּאזוּנְדֶערִין דֶפֶּק פוּן דִי צֶעהְן אִירְלֵיי דְפִיקִין. אוּן אִיךְ קָאן זִי הֵיילְן דִי בַּת מַלְכָּה דוּרְךְ אַלֶע צֶעהְן אִירְלֵיי נִיגוּנִים. (וָוארִין אִיר רְפוּאָה אִיז דוּרְךְ נִגּוּנִים כַּנַּ"ל)

**דְרִיבֶּער הֵייל אִיךְ יוֹא דִי בַּת מַלְכָּה.** נִמְצָא הָאב אִיךְ אַזוֹי אַ כֹּחַ אִין דִי הֶענְט. הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ דָאס דָאזִיגֶע בְּמַתָּנָה. **אִיז דָארְט גִיוָוארִין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ גִיוָוארִין.**

# געווינער אויף די בחינות איז:

## הילד החשוב מנחם אנשין, בית שמש , (זיבן בעטלערס 6)

מען קען אפנעמען די מתנה ביים משגיח ר' יואל יאראוויטש פון חדר ברסלב בית שמש

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל,**

**02-5-3333-72**

**646-585-3040**

# בחינה אויף ספורי מעשיות

## די דרייצנטע מעשה (7) - פון די זיבן בעטלירס

**א. *שאלת זכות: ווען האט דער רבי דערציילט פון דעם בעטלער אהן קיין הענט?*** (עיין ימי מוהרנ"ת מ"ב)

- ❑ *שב"ק כ"ה אדר תק"ע*
- ❑ *שב"ק ג' ניסן תק"ע*
- ❑ *דינסטאג ו' ניסן תק"ע*

**ב. פארוואס זעהט אויס אז דער בעטלער האט נישט קיין הענט?**

- ❑ ווייל ער האט באמת נישט קיין הענט
- ❑ ווייל ער האט צובראכענע הענט
- ❑ ווייל ער ניצט נישט מיט זיינע הענט אין ׳דער וועלט״

**ג. פון וועמען האט דער בעטלער א הסכמה אויף דעם?**

- ❑ פון דעם גרויסן אדלער
- ❑ פון די מדינה וואס לעבט חיים טובים
- ❑ פון דעם וואסעריקן שלאס

**ד. מיט וואס האבן זיך בארימט די מענטשן וואס זענען געזעסן מיט דעם בעטלער?**

- ❑ אז זיי קענען שיין זינגען
- ❑ מיט די כח וואס יעדער האט אין זיינע הענט
- ❑ יעדער מיט זיין חכמה

**ה. מיט וואס האט זיך דער ערשטער בארימט?**

- ❑ אז ער קען צוריק ציען א פייל
- ❑ אז ביי וועמען ער נעמט גיבט ער
- ❑ אז ער קען מיט זיינע הענט גיבן חכמה

**ו. מיט וואס האט זיך דער צווייטער בארימט?**

- ❑ אז ער קען צוריק ציען א פייל
- ❑ אז ביי וועמען ער נעמט גיבט ער
- ❑ אז ער קען מיט זיינע הענט גיבן חכמה

**ז. מיט וואס האט זיך דער דריטער בארימט?**

- ❑ אז ער קען צוריק ציען א פייל
- ❑ אז ביי וועמען ער נעמט גיבט ער
- ❑ אז ער קען מיט זיינע הענט גיבן חכמה

**ח. וואס קען טוהן דער וואס קען צוריק ציען א פייל?**

- ❑ ער קען צוריק ציען אלע צעהן פיילן אפי׳ נאכדעם וואס ס׳טרעפט אהן א מענטש
- ❑ ער קען צוריק ציען איין מין פייל אפי׳ נאכדעם וואס ס׳טרעפט אהן א מענטש
- ❑ ער קען צוריק ציען איין מין פייל נאר פאר ווען ס׳טרעפט אהן א מענטש

**ט. דער וואס האט זיך בארימט אז ווען ער נעמט גיבט ער, וואס גיבט ער?**

- ❑ מעשר
- ❑ חומש
- ❑ צען מיני צדקה

**י. וויפיל מיני ווינטן קען צוריק האלטן דער וואס האט זיך בארימט אז ער קען צוריק האלטן א ווינט?**

- ❑ איין מין ווינט
- ❑ זיבן מיני ווינטן
- ❑ צעהן מיני ווינטן

**יא. קענען די אלע, היילן די בת מלכה?**

- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ נאר דער וואס קען אפהאלטן א ווינט

**יב. צו וואו איז אנטלאפן די בת מלכה?**

- ❑ צו א וואלד
- ❑ צו א אנדערע שטאט
- ❑ נעבן דעם וואסעריקן שלאס

**יג. *שאלת זכות: וואס האט דער מלך געטון ווען ער האט געזען אז די לויפט אין וואסער אריין?***

- ❑ *ער האט געהייסן די שיסן*
- ❑ *ער האט איר נאכגעיאגט אין וואסער און איז דערטרונקען געווארן*
- ❑ *ביידע תשובות זענען ריכטיג*

**יד. וואס האט פאסירט צו די בת מלכה?**

- ❑ עס האט איר געטראפן פינעף פיילן און זי איז געפאלן חלשות
- ❑ עס האט איר געטראפן אלע צעהן פיילן און זי איז געפאלן חלשות
- ❑ עס האט איר געטראפן אלע צעהן פיילן און זי איז געבליבן געזונט

**טו. ווער היילט די בת מלכה?**

- ❑ דער בעטלער וואס איז אהן הענט
- ❑ די דאקטוירים
- ❑ די מעדיצינען

**טז. *שאלת זכות: וואס לערנסטו דיך פון די מעשה?***

- ❑ *די גרויסע כח פון הייליגע ניגונים, אז מ'קען מיט דעם היילן די בת מלכה*
- ❑ *די גרויסקייט פון תיקון הכללי וואס איז קעגן די צען מיני נגינה.*
- ❑ ________________________________.

## "און איך הייל זיי"

**איז דארט געווארן זייער א גרויסע שמחה און זיי זענען זייער פרייליך געווארן**

?

# קעסטל רעטעניש

שבועות ביינאכט זאגן מיר דעם תיקון ליל שבועות - וואס דער אר"י הקדוש האט צאם געשטעלט פון אלע חלקי התורה

אין דעם קעסטל איז צו שפרייט אסאך נעמען פון די הייליגע תורה - מ'קען עס טרעפן - גלייך - אראפ - קרום

| | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| א | מ | ב | ר | י | י | ת | א | ג | א | ו | נ | י | מ |
| ס | פ | ר | ה | מ | י | ד | ו | ת | א | ת | ה | נ | ו |
| י | ת | נ | א | ג | ד | ה | מ | ג | י | ל | ו | ת | ל |
| פ | ש | ל | ח | נ | ע | ר | ו | כ | ל | י | כ | ל | ק |
| ו | כ | ס | ף | ו | ר | א | ש | ו | נ | י | מ | ז | ו |
| ר | ו | י | ק | ר | א | ל | ג | ה | ב | ו | א | ב | ט |
| י | ב | מ | ד | ב | ר | ק | מ | ש | נ | י | ו | ת | י |
| מ | ק | ב | ל | ה | ת | ו | ר | ה | נ | י | מ | ו | ת |
| ע | ד | ר | ק | ט | ו | ט | א | ח | ו | מ | ש | ס | פ |
| ש | ב | א | ו | ח | ס | י | ד | ו | ת | א | ב | פ | י |
| י | ר | ש | ט | ז | ו | מ | ת | ו | מ | ח | ר | ת | ל |
| ו | י | י | י | ג | ו | ו | ל | י | מ | ר | ו | א | ו |
| ת | מ | ת | ה | ת | ש | ה | ב | ע | ו | ו | ל | מ | ת |
| א | ב | ב | ל | י | י | ר | ר | נ | י | נ | ס | ד | ה |
| ר | א | ל | כ | א | ב | נ | ב | י | א | י | מ | ר | ל |
| מ | י | ר | ו | ש | ל | מ | י | ק | ו | מ | מ | ת | י |
| ו | ר | ה | ת | ש | מ | ו | ת | ת | ק | ו | נ | י | מ |

טרעף די ווערטער

בראשית
שמות
ויקרא
במדבר
דברים

תורה
חומש
נביאים
תהילים
מגילות
משניות

ברייתא
תוספתא
גמרא
בבלי
ירושלמי

אגדה
זוהר
תקונים
קבלה
מדרש

גאונים
ראשונים
שלחן ערוך
אחרונים
חסידות
מוסר

לקוטי מוהר"ן
ספר המידות
ספורי מעשיות
לקוטי הלכות
לקוטי תפילות

פון אלע איבעריגע אותיות וואס איז דיר ארויס געקומען?

______________________________________________

וואו שטייט דאס? ______________ און ווער האט דאס געזאגט פאר וועמען? __________________________